ס'איז א הקדמה צו די ברכות המצוות. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ס'איז מער ווי א הקדמה צו ברכות המצוות, ס'איז א כלליות'דיגע הלכה וואס ס'איז נוגע אין הלכות ברכות. לכאורה איז אויך די חתימה אויף די פריערדיגע פרק. איך האב עס געזען אין די רמב"ם, איך האב געזען אז די זאך איז נישט אזוי איינפאך.

**פרק יא: ברכת המצוות — חילוק צווישן מצוות חיוביות און מצוות קיומיות**

**הלכה א' (המשך) — פותח וחותם בברכות**

## Speaker 1:

וואס הייסט דאס זאגן? ווייל קברי ישראל איז ממש נישט שבח והודאה, אבער ער לייגט עס אונטער די קאטעגאריע.

ס'איז א ברוך דיין האמת, ס'איז א צידוק הדין, דו זאגסט אז ס'איז א ברכה פאר די מתים, ס'איז א נטילת רשות מן המתים, און דער רמב"ם לייגט עס בכלל דרך שבח והודאה.

ס'איז א שבח, ברוך דיין האמת איז אויך א שבח. ס'איז א צידוק הדין, איז מצדיק זיין, אבער ס'איז נישט שבח דרייבנישטעלאולם.

אהא, אז ברוך דיין האמת איז אויך דרך שבח והודאה. נישט הודאה, אבער שבח, א סארט הודאה. יא, כשם שחייב אדם לברך על הרעה, יא. הודאה איז דאך מודה על האמת, יא.

**אבל שאר ברכות המצוות כולם, די אלע אנדערע ברכות המצוות, פותחין בברוך ואין חותמין.** מ'הייבט אן מיט א ברוך, ביים אנהייבן, און ביים חתימה איז נישטא א ברוך. סאו, ס'איז א הקדמה צו די ברכות המצוות. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ס'איז מער ווי א הקדמה צו ברכות המצוות, ס'איז א כלליות'דיגע הלכה אין הלכות ברכות.

לכאורה איז עס אויך די סיום אויף די פריערדיגע פרק. אבער דער רמב"ם זאגט אז ס'איז דאך נישט פותח וחותם, ווייל נישט אלע פריערדיגע זאכן. אויף דעם זאגט דער רמב"ם זיכער נישט אפשר דארף מען עפעס קענען צאמשטעלן צו זיין.

## Speaker 2:

פארוואס טאקע? ווייס איך נישט. און קברי ישראל קומט מיט ביידע, אבער סתם שהחיינו קומט נישט. מ'דארף פארשטיין.

## Speaker 1:

ניין, מ'דארף וויסן. לכאורה די זייער פראקטישע, גשמיות'דיגע ענטפער איז אז נישט דער זעלבער חכם האט געמאכט יעדע ברכה. אבער מ'דארף אבער יא וויסן, אויב איז דא א עיקרון, א פרינציפ פון זאגן פותח וחותם, אזוויוי ס'זעט אויס אין רמב"ם אז דאס איז די לכתחילה, ווען מ'קען מאכן פותח וחותם, דארף מען וויסן וועלכע חכמים האבן טאקע אזוי מתקן געווען.

למשל ברכת שמונה עשרה איז אויך נישט חותם ופותח.

## Speaker 2:

יא, מ'הייבט אן מיט א נוסח.

## Speaker 1:

אה, יעדער איז א ברכה בפני עצמה. דער רמב"ם זאגט אז ער רעכנט סתם אלע ברכות, איז רובא דרובא איז טאקע נישט חותם ופותח, ווייל דו האסט אלע שמונה עשרה, אלע ברכות המצוות, ברכות הנהנין. סאו, זאל זיין אז ער הייבט אן כל הברכות כולן. די איינציגסטע שטאט איז נאר אזוי ווי דו זאגסט, אז אזוי דארף עס זיין. אלע אנדערע זענען, דאס הייסט ווען דער זייגער איז צען אזייגער איז יעדער בחור אין ישיבה אפילו אויב ס'איז ליידיג, ווייל יעצט איז עס זמן, ווייל אזוי איז דער ריכטיגער וועג וויאזוי עס דארף זיין.

## Speaker 2:

ניין, די פארעם איז אזא וואס ס'איז א מחלל חברותא, ס'מאכט נישט קיין סענס. דו קענסט אפילו זאגן מ'איז יוצא מיט די פריערדיגע ברכה, ס'איז כאילו נקראת שפתיו וכו'. אקעי.

**הלכה ב' — חילוק צווישן מצוות חיוביות און מצוות קיומיות**

## Speaker 1:

שוין, יעצט גייט מען לערנען. זאגט דער רמב"ם הלכה ב', זייער אן אינטערעסאנטע הלכה. דער רמב"ם גייט אונז דא זאגן א כלל, אויבנאויף איז עס נישט ממש אזוי שטארק קאנעקטעד צו ברכה, און אויב איינער האט א בעסערע פשט וויאזוי ס'קומט דא אריין אין ברכה, אדרבה, איך בין גרייט צו הערן פשט. דער רמב"ם זאגט דא א גרויסע שיינע גדר פון, ס'איז דא מצוות וואס אין היינטיגע שפראך, אין די ישיבישע שפראך רופט מען עס א מצוה וואס איז א חוב, א מצוה חיובית, און א מצוה וואס אויב ס'קומט אויס א געוויסע סירקומסטענס זאל מען מקיים זיין די מצוה, מען זאל עס טון ביי אופן מסוים, מצוה קיומית.

זאגט דער רמב"ם אזוי, **יש מצות עשה שהאדם חייב**, א לאו תעשה איז אין די אנדערע גדר, לאו תעשה מיינט אייביג נישט טון, און מצות עשה איז דא צוויי מיני יא טון.

דער רמב"ם אין ספר האהבה רעדט כמעט נאר וועגן מצות עשה, ער רעדט כמעט נישט וועגן גאנץ לאו תעשה.

זאגט דער רמב"ם, **יש מצות עשה שהאדם חייב להשתדל ולרדוף עד שיעשה אותה.** ער דארף משתדל זיין און נאכגיין, אדער ווי למשל לרדוף, האט דער רמב"ם אונז שוין געזאגט אז נרדף האבן מיר דאך געזאגט אז מ'דארף לויפן, אבער מ'דארף משתדל זיין, לרדוף.

## Speaker 2:

ניין, איך זאג אז להשתדל ולרדוף האט אויך הלכות. איך ווייס נישט ווי דער רמב"ם זאגט למשל דאס אז א מענטש זאל מפקיר זיין א געוויסע אמאונט פון געלט פאר א מצוה אדער א געוויסע... דער רמב"ם ברענגט עס נישט.

## Speaker 1:

ניין, איך זאג אז דער רמב"ם האט יא, און מיר וועלן עס לערנען נאך סוף הלכות תפילין, איך מיין אין די שפעטערע פרקים. דארט שטייט אז ס'איז דא זאכן וואס מ'דארף נישט רעדן. דאס וואס מ'מיינט כפשוטו, מ'דארף גיין אין... יא, איך זאג, פריער למשל זיך וואשן פארן דאווענען האבן מיר געהאט כללים, וויפיל מייל מ'דארף וואקן בעקווארדס, פארווערדס... אבער פונקט אויף יענע זאך איז דא א כלל, אויף אנדערע זאכן איז נישט דא אזוי שטארק א כלל. אבער על כל פנים, מ'דארף משתדל זיין און רודף זיין עד שיעשה אותה. מ'מיינט מער אזוויוי... דו דארפסט עס טון, **כגון... מ'דארף מיינען איך האב געזאגט מער ווי דו דארפסט טון, דו דארפסט האבן א גיידל פאר תפילין, נישט נאר אויב דו האסט א תפילין דארפסטו עס אנטון, דו דארפסט אויך זען זאלסט האבן א תפילין. גיי שרייב, גיי קויף, גיי פיגער עס אויס. שאדם חייב להשתדל ולרדוף עד שיעשה אותה, כגון תפילין וסוכה ולולב ושופר.**

וואס די אלע זאכן איז נישט פשט נאר אויב דו האסט תפילין דארפסטו לייגן תפילין, נאר די תורה זאגט דו זאלסט לייגן תפילין, די תורה זאגט דו זאלסט מאכן א סוכה, האט די תורה נישט געמיינט צו זאגן אז פלוצלינג טרעפסטו

זיך מיט תפילין. קיינער איז נישט... תפילין וואקסט נישט. ווען די תורה האט געזאגט אז מ'דארף לייגן תפילין איז דאך פשוט אז א חלק פון דעם איז אז מ'דארף מאכן תפילין, דאס איז וואס ס'פאדערט זיך פון א איד, דאס איז די מצוה. מ'דארף האבן א לולב, מ'דארף גיין שאפן און שניידן א לולב, ווייל נישט וואלט מען עס קיינמאל נישט מקיים געווען. שופר. **ואלו נקראין חובה,** דאס טייטש חובה, אייביג ווען ס'שטייט דאס ווארט חייב, ווייל די חובה מיינט עפעס **שאדם חייב על כל פנים לעשותם.** דאס איז די ווארט על כל פנים, בכל אופן מיינט ער, סיי וויאזוי דו ביסט זאלסטו מאכן אן השתדלות צו באקומען תפילין און צו האבן א לולב און אזוי ווייטער.

**אבער יש מצוות שאינן חובה,** ס'איז נישט קיין חובה, **אלא דומה לרשות, כגון מזוזה ומעקה.** מזוזה אדער מעקה איז דומה צו רשות. פארוואס? מיט וואס איז עס א רשות? **שאינו חייב לשכון בבית החייב במזוזה כדי שיעשה מזוזה.** א מענטש האט נישט א חיוב צו וואוינען דווקא אין אזא סארט הויז וואס איז חייב במזוזה כדי ער זאל מאכן א מזוזה, **אלא אם רצה לשכון כל ימיו באהל או בספינה ישב.** אויב וויל ער זיין גאנץ לעבן לעבן אין א הויז וואס איז נישט חייב במזוזה, א פלאץ וואס איז נישט חייב במזוזה אזויווי אהל אדער ספינה, א שיף אדער א טענט, קען ער וואוינען דערוועג. **וכן אינו חייב לבנות בית...** די זעלבע זאך מיט מעקה. קודם מזוזה, מזוזה איז נאר חייב א סארט הויז, אבער מ'מוז נישט וואוינען אין א ספעציפישע סארט הויז.

די זעלבע זאך מיט מעקה, א מעקה איז א חיוב נאכדעם וואס מ'האט א הויז, **אבל אינו חייב לבנות בית כדי לעשות מעקה.** דאס איז די חילוק צווישן תפילין אדער לולב. אבער אויב מ'האט א דאך, אין א מציאות יא רעדט ער פון דעם. זייער גוט.

### Speaker 2:

איין מינוט, לאמיר נאך אה... לאמיר נאך אה... אפיר די רמב"ם אליינס, יא? יא. יא. טאקע, ס'איז אינטערעסאנט. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. **"וכל מצוות עשה שבין אדם לקדוש ברוך הוא".** יעדע מצוה, אה... ער זאגט אונז נישט אז ס'איז דא צוויי גדרים, ס'איז דא בין אדם... ער זאגט אונז נישט אז די אנדערע פון דעם איז בין אדם לחבירו.

### Speaker 1:

ניין, אין די רמב"ם'ס צייטן איז געווען שוין א... אה, ס'שטייט מצוות שבין אדם לחבירו, יא, ס'שטייט. בין אדם למקום און בין אדם לחבירו. **"וכל מצוות עשה שבין אדם לקדוש ברוך הוא, בין מצוה שהיא חובה בין מצוה שאינה חובה"**, ס'הייסט אז למשל מזוזה איז א מצוה שבין אדם לקדוש ברוך הוא, אנדערש ווי מעקה וואס איז בין אדם לחבירו.

אקעי, אבער... אבער ער זאגט אז די מצוות שבין אדם לקדוש ברוך הוא, סיי תפילין, אדער סיי אזא זאך ווי מזוזה, ווען מ'טוט עס, **"מברך עליו קודם לעשייתה ברכה"**, פאר מ'טוט די מצוה, פאר עשיית המצוה.

### Speaker 2:

סא די גאנצע הקדמה איז ווי דו האסט געמיינט אז ס'גייט יעצט קומען א חילוק צווישן די צוויי סארטן, אבער ס'קומט א חילוק וואס איז נישט. ניין. ביידע, די ביידע קאטעגאריעס זענען דומים אז זיי ביידע האבן א ברכה. טאקע אינטערעסאנט. יא.

### Speaker 1:

א מענטש וואלט ווען געקענט טראכטן אז נאר דאס וואס מ'איז מחויב להשתדל ולרדוף וואס מ'דארף האבן, דארט זאל זיין א ברכה. אזוי וואלט איינער ווען געקענט אפשר, אפשר דאס לאפוקי, דער רמב"ם וויל דא לאפוקי פון אזא שיטה, אדער א מענטש וואלט געקענט טראכטן אזוי. אבער איך זע אויך נישט קלאר פארוואס.

**דיסקוסיע: פארוואס ברענגט דער רמב"ם דעם חילוק דא?**

### Speaker 2:

אפשר מיינט ער עפעס, ס'שטייט ערגעץ א לשון אז דא מצוות זענען חובה און די אנדערע זענען דומים לרשות? דו זאגסט אז ס'איז דא א לשון, אפשר איז דא א לשון וואס וועט מער העלפן פארשטיין וואס ער מיינט פון די דיוק. שאינה חובה, יא. אפשר איז דא אפשר א פלאץ וואס ס'שטייט אז דאס איז א רשות, און מ'מוז ממילא חובה פאר איך באלד אים זענען. ס'איז דא זאכן וואס ס'שטייט אז ס'איז א רשות. אפשר מיינט דער רמב"ם נישט די שטותים. איך געדענק אזא לשון וואס ס'שטייט חובה אדער רשות. דער רמב"ם זאגט דאך אז שטותים, אויב ס'וואלט געשטאנען רשות, מאכט מען נישט קיין ברכה. עפעס אזא, פארשטייסט וואס איך מיין? איך ווייס אבער נישט וואו ס'שטייט אזא לשון אויף עפעס א זאך אז ס'איז א רשות אדער א חובה פארקערט. נישט קלאר וואס ער וויל דא האבן פון די גאנצע זאך.

### Speaker 1:

ניין, מיר איז נישט קלאר. ניין, וואס דו זאגסט איז זייער גוט, פשוט. אבער וואס איז די שאלה איז נאר וואו ס'קומט דא אריין, רייט?

ניין, די הלכה איז זייער וויכטיג צו וויסן, א מענטש זאל קענען טראכטן אויף א געוויסע מצוה, ס'איז אין די גדר אדער אין די גדר. למשל, אויב איינער... למשל סוכה איז זייער א נגיעה. אויב איינער עסט נישט קיין שיעור, ער וועט זאגן... א מענטש קען טראכטן אז סוכה איז א מצוה וואס איז נישט קיין חובה, אבער למעשה דער רמב"ם פסק'נט אז די לילה ראשונה איז יא א חובה, יא? למשל. ס'איז נישט נוגע, אבער איך זאג דיר ס'איז וויכטיג פאר מענטשן צו פארשטיין די גדר. דער רמב"ם קען מען פארשטיין, זאל מען עס פארשטיין, ווייל ס'איז וויכטיג אין לעבן און אין תורה. אבער פונקטליך פארוואס ער לייגט עס דא אזוי וויכטיג...

### Speaker 2:

איינער וואלט געמיינט אז מ'איז מחויב צו גיין קויפן א הויז צו מאכן א מעקה? קוק, ביי די דוגמא נישט, אבער מ'איז זיכער אז ס'איז דא מצוות שאינן חובה וואו מ'קען יא קלערן אזוי אדער אזוי. למשל א בגד מ'זאל מאכן אויף דעם ציצית, וועט א מענטש יא טראכטן, ס'איז דאך זייער גרינג צו קויפן אזא זאך, פארוואס זאל איך נישט קויפן א בגד...

### Speaker 1:

זיי האבן געלערנט טאקע אין די סוף פון ציצית אז ס'איז דא א דריטע גדר פון מצוות וואס די נארמאלע סדר איז אז מ'גייט זיין. א נארמאלער מענטש גייט מיט א בגד. אבער וואס מיינט דאס? ס'איז נאך אלץ נישט קיין מצוה חיובית מדאורייתא. ס'איז נישט קיין חובה מדאורייתא, ס'איז א חובה מדרבנן, אדער וואס ס'איז. ס'איז אן ענין צו רעדן וואס ס'איז.

ניין, די זאכן זענען אינטערעסאנט, למשל ווייל דו קענסט טראכטן אזוי. קריאת שמע איז דאך זיכער אז ס'איז אויך א מצוה וואס אדם חייב להשתדל. אבער אויב א מענטש איז טרוד אדער אונטערן וועג, ער איז פטור. איך מיין צו זאגן, אויב א מענטש האט אייביג אזא מין מצב, א מענטש איז אייביג א חולי מעיים, איז ער פטור פון אנדערע גדרים וואס איז מער אזוי ווי א חולה וואס איז פטור, אדער ער לייגט זיך נישט אריין? א מענטש ליגט אייביג אין א מקום הזוהם, ער וואוינט אין א הויז וואס איז א מקום הזוהם, איז ער אייביג פטור פון תפילה? האט ער זיך גע'פטר'ט, אזויווי דער וואס וואוינט אין אן אוהל האט זיך גע'פטר'ט פון א מזוזה? ס'איז נישט די זעלבע מין זאך, ווייל ס'איז געקומען א חיוב.

**ברכת המצוות: חילוק בין חובה לרשות, ונוסח הברכה על מצוות דרבנן**

**המשך: חילוק בין מצוות חובה ומצוות רשות**

### Speaker 1:

אבער אויב א מענטש איז טרויעריג אדער א בא מן הדרך, איז פשט... ניין, איך מיין צו זאגן, אויב א מענטש האט אייביג אזא מצב, א מענטש איז אייביג א חולה מעים, איז ער פטור פון... דאס איז אן אנדערע גדר, ווייל ס'איז מער אזא ווי א חולה וואס איז פטור, אדער ער לייגט זיך נישט אריין. א מענטש ליגט אייביג אין א מקום מטונף, ער וואוינט אין א הויז וואס איז אייביג פטור

פון תפילה. האט ער זיך גע'פטר'ט? אזויווי דער וואס וואוינט אין אן אוהל האט זיך גע'פטר'ט פון א מזוזה? ס'איז נישט די זעלבע מין זאך. ווייל ס'איז געקומען א חיוב, נאר ער האט אפשר אן אונס, אפשר א פטור. ס'קען זיין אז ער האט א חיוב נישט צו וואוינען אין אזא פלאץ. ביז וואו? ביז וואו? ס'ווענדט זיך פונקטליך ווי שטארק ער דארף אוועקלויפן. ס'איז א שטיקל אונס, אדער א פטור, וכדומה. ס'איז נישט... דאס איז מער א בעיסיק זאך. ס'איז דא צוויי סארטן מצוות.

אבער ס'נעמט אויס וואס איינער קען טראכטן אז מ'מאכט נאר א ברכה אויף די חובה. אזויווי דו האסט געמאכט די סענס, דארף עס האבן ניין, מ'מאכט אויף ביידע. אבער דער חילוק צווישן זיי איז נישט סתם פראקטיש, ווייל א מענטש דארף חתונה האבן צו האבן קינדער. ס'איז נישט למשל פריה ורביה, אז אויב ער האט א ווייב און ס'ארבעט זיך אויס פאר אים. ניין, דאס איז א מצוה וואס ער דארף גיין האבן קינדער.

ס'איז דא א דריטע קאטעגאריע פון מצוות וואס דער רמב"ם רעכנט אויס, וואס מיר האבן גערעדט וועגן די מלחמות. ס'איז דא צווייערליי מצוות, וואס ער רופט מצוות... איך געדענק נישט וואס איז זיין לשון דארט, איך האב שוין פארגעסן. הכרחיות דארט? הכרחיות מיט א מידות. כדי צו זיין א איד און א נארמאלער מענטש דארף מען. ס'קען זיין אפשר אזא מאדנער מענטש וואס האט נישט חתונה, אדער ער האט נישט די מצוה פון קידושין, ער האט נישט קיין חיוב אפשר חתונה, אדער אנדערע זאכן. ס'קען... אפילו מעקה, איך מיין, מזוזה רעכנט ער אריין אין איינע פון די מצוות. א נארמאלער מענטש האט א הויז מיט א מזוזה.

פארוואס איז דאס א שאלה? דאס אז די תורה לייגט אראפ די פיקטשער אז אזוי באלאנגט א לעבן, מאכט עס נאך נישט פאר א מצוה, אבער דו קענסט יא זאגן אז די תורה וויל אז דו זאלסט דאס טון. עניוועי, ניין, דו קענסט נישט זאגן. א מענטש וואלט געקענט טראכטן אז די תורה זאגט מ'איז מחויב אין מזוזה, און פשט איז אז דאס איז די הויז וואס די תורה עקספעקט. אבער מ'זאגט דאס נישט. ניין, דו קענסט וואוינען אין אן אוהל. די תורה רעדט נאר פון א מקום וואס דו ביסט יא מחויב אין מזוזה.

וואס ס'קומט נישט דא אריין, איך ווייס נישט פארוואס ער וועט דא... דער חילוק פון רשות און חובה איז נאר אז מ'דארף עס נישט נאכלויפן. אבער אויב מ'האט די אפארטוניטי, אויב מ'האט די היכי תמצא, איז מען יא מחויב. דאס איז עפעס די ווארט. אקעי, מחיים.

**הלכה ג: ברכות אויף מצוות דרבנן — נוסח "וצונו"**

## :Speaker 1

**כל המצוות הן מדברי סופרים.** אלע מצוות זענען מדברי חכמים. דער רמב"ם ווען ער רעדט מצוות זאגט ער אסאך מאל "מדברי סופרים". ער רופט זיי נישט "סופרים" בכלל, חכמים רופט ער נישט אן "סופרים". אבער ווען ער וויל נאכזאגן עפעס א מאמר חכמים, זאגט ער "חכמים". ער רופט זיי נישט "סופרים". אבער מצוות מדברי סופרים. ס'קען זיין ווייל זיי האבן עס געשריבן די מצוות, איז דאס ווארט "סופרים". יא, יא, איך געדענק אין די גמרא, "חביבין עלי דברי סופרים", "דברי סופרים צריכין חיזוק". יא, מצוות מדרבנן.

**כל המצוות הן מדברי סופרים, ובזה יש גם כן חילוק: יש מצוה שהיא חובה מדבריהם, כגון מקרא מגילה והדלקת נר שבת והדלקת נר חנוכה, שזו חובה מדבריהם, שחייב אדם לעשותה, ויש מצוה שאינה חובה, כגון עירוב ונטילת ידים. שאם לא רצה לערב או לא רצה לאכול פת, אינו חייב.**

**ועל כל המצוות האלו מברך תחלה קודם לעשייתן, "אשר קדשנו במצותיו וצונו לעשות".** אז דער רמב"ם האט אונז געגעבן אן הקדמה, אז ברכת המצוות זענען אויף מצוות דאורייתא און אויף מצוות דרבנן, און בייביידע מאל האט נישט קיין חילוק צו ס'איז א חוב צו ס'איז א מצוה וואס איז בגדר רשות.

**די קושיא: "ואיכן צונו"?**

שטעלט זיך אבער דער רמב"ם אויף די נוסח, ווען מיר זאגן "אשר קדשנו במצותיו וצונו לעשות", וויאזוי קענען מיר מאכן דעם נוסח? "ואיכן צונו"? וואו האט אונז דער אייבערשטער... וויאזוי קענען מיר זאגן די ווערטער "אשר קדשנו במצותיו וצונו", גייט זיך ארויף אויף "אלקינו מלך העולם" וואס ער האט אונז געהייסן? דער אייבערשטער האט נישט געהייסן, די רבנן האבן געהייסן.

**תירוץ הרמב"ם: "על פי התורה אשר יורוך"**

ענטפערט דער רמב"ם, בתורה. דער אייבערשטער האט אונז יא געהייסן בתורה. וואו? ווייל אין די תורה שטייט **"על פי התורה אשר יורוך תעשה"**. אז אלעס וואס די חכמים זאגן דיר זאלסטו טון. אלעס וואס די בית דין זאגן דיר זאלסטו טון. "אשר יורוך תעשה" שטייט דאך וואס... וואס שטייט פריער און נאכדעם? אין פרשת שופטים שטייט "לא תסור מן הדבר". יא, אקעי, דער רמב"ם ברענגט "אשר יורוך תעשה" בגדר עשה.

**נמצא ענין הדברים ועשייתן מצוה מן התורה.** דאס איז די ווערטער פון די פוסק, אשר קדשנו במצוותיו. וואס זענען די ווערטער? וויאזוי קען מען זאגן די ווערטער? ווען מ'זאגט די ווערטער אויף די ספעציפישע זאך. **אשר קדשנו במצוותיו שציוה בהן, ער האט אונז מקדש געווען מיט זיינע מצוות וואס שטייט אין די תורה, און איינע פון די מצוות איז וואס ער האט באפוילן לשמוע מאלו שציוו לקרוא את המגילה.**

**אזוי איז די זאך להדליק נר של חנוכה, וחיוב שאר כל המצוות שבדברי סופרים.** דאס איז די שיטת הרמב"ם. אז נישט נאכדעם וואס ס'איז דא א מצוה, יעצט וועט מען קענען זאגן אשר קדשנו במצוותיו וציונו אויף מקרא מגילה. ניין, מ'קען נישט זאגן וציונו אויף מקרא מגילה. מ'דארף ארייגלייגן כולי אין די סענטענס, צולייגן א גאנצע שטיקל, און זאגן אשר קדשנו במצוותיו וציונו לשמוע מאלו שציוו לקרוא את המגילה. ס'שטייט נישט אזא לשון, ס'איז זייער א גרויסע דוחק.

**אנאליז: די פראבלעם מיט'ן נוסח**

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל אשר קדשנו במצוותיו וציונו מיינט מען נישט כללי, מ'מיינט אייביג פרטי. ווען מ'זאגט אשר קדשנו במצוותיו וציונו לעסוק בדברי תורה, זאגט מען נישט כללי, זאגט מען אז דער אייבערשטער האט געהייסן די מצוה. דא איז עפעס אזא פלוצלינג, די אשר קדשנו במצוותיו וציונו רעדט עפעס אנדערש. ער זאגט דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוות אויף די תורה, און די תורה... דער רמב"ם לייגט אריין א סענטענס אינמיטן די סענטענס, ער לייגט אריין א קלאז, ער לייגט אריין אשר קדשנו במצוותיו וציונו, און וועלכע מצוה? פון די מצוה פון לא תסור, און ממילא דארף מען הערן צו די וואס אלו שציוונו.

איך ווייס נישט, אפשר מיינט ער צו זאגן וציונו, ער זאגט נישט וויאזוי די וציונו, וויאזוי ער טייטשט די וציונו. אשר קדשנו במצוותיו וציונו צו פאלגן די חכמים, און ממילא איז א מצוה יעצט לקרוא את המגילה. ניין, ניין, ער זאגט נישט אזוי. ער וואלט געדארפט זאגן אזוי, ער וואלט געדארפט זאגן אזוי, ער זאגט נישט אזוי. אשר קדשנו במצוותיו וציונו לשמוע מאלו שציוו. די וציונו, איך קען זיין אז ס'הייסט וציונו, ס'הייסט וציוונו. אשר קדשנו במצוותיו לשמוע מאלו... די אנדערע ווערטער, להדליק נר חנוכה מיינט, דאס איז א המשך פון עפעס א sentence וואס הייבט זיך אן "און די חכמים האבן געהייסן להדליק נר חנוכה".

"אשר קדשנו במצותיו" - אה, אינטערעסאנט. כאילו "אשר קדשנו במצותיו" אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן מצוות, און דער אייבערשטער האט אין די מצוות אריינגעגעבן א כלל וואס קען ברענגען נאך מצוות. ער האט אונז געגעבן די מצווה פון "לא תסור מן הדבר אשר יורוך", און אזוי יורוך, זענען מיר געווארן יעצט מחויב מיט די מצווה וואס די חכמים האבן געזאגט "להדליק נר חנוכה".

דאס איז די פשטות אבער פון די ברכה. די פשטות פון די ברכה איז כאילו איך האב מקיים געווען א מעשה, וועלכע חכם צו פאלגן? די וואס האבן געזאגט "להדליק נר חנוכה". ניין, עס קען נישט זיין אז דאס איז די פשט.

**שיטת הרמב"ן**

איך זע אז דער רמב"ן מאכט א גרויסע זאך פון די פסוק אין די ברכה. אבער דאס איז וואס ער זאגט, ווייל דער רמב"ן איז זייער שטרענג, דער רמב"ן איז נישט מסכים מיט א מהלך פון א כלל ווי א קוואל וואס מאכט אן מצוות. דאס איז אפשר די רבנן אדער אן אנדערע מענטשן האבן מסכים געווען. ניין, דער רמב"ן גייט מער, דער רמב"ן וויל טרעפן ווי אין די תורה אליין זעט מען די מצווה, אזויווי למשל חנוכה אדער פורים. אז עס זענען דא כללים און פרטים און אזעלכע זאכן, אז דער רמב"ן, געדענקסט, איך האלט נישט אזוי. דער רמב"ן האלט אז דא איז א חיוב, כאילו יא, דו האסט א חיוב צו פאלגן די רבנן, אבער ער מאכט נישט א "וצונו" אויף "אשר קדשנו במצוותיו לשמוע דברי חכמים". ער מאכט נישט "אשר קדשנו במצוותיו להדליק נר חנוכה", ער מאכט נישט וועגן דעם. ער זאגט אז "לשמוע דברי חכמים שציוונו להדליק נר חנוכה".

## Speaker 2:

אה, אזא טייטש.

## Speaker 1:

אום... דאס איז נישט איך מיין, די פשוט'ע פשט אין די גמרא, די גמרא זאגט אין מסכת שבת "שלא לעשות". אבער עס איז אינטערעסאנט, די גמרא זאגט "שלא לעשות", אבער דער רמב"ן ברענגט דוקא די עשה, ווייל ער וויל אז עס זאל זיין א ברכה וואס איז מחייב אויף די מצוות עשה. אז "אשר קדשנו במצוותיו" גייט ארויף אויף די מצווה פון "אשר יורוך תעשה".

אבער דאס קען זיין. אבער אויך די פשוט'ע פשט אין די גמרא איז מער אזוי. די גמרא זאגט אז יעצט וואס דער אייבערשטער האט געהייסן "לא תסור", די פשט איז יא, דא איז א מצווה צו צינדן חנוכה ליכט. די גמרא איז שוין איינגעפאלן אז מען דארף אריינקוועטשן אין די ברכה.

איך שטעל זיך פאר אז מען קען זען אין די ראשונים, "לא תסור" דינים צו מען דארף אלעמאל פאלגן. איך ווייס נישט וואס איז די רמב"ן'ס פשט, איך מיין אז מען דארף עס גוט א סדר מאכן. איך ווייס נישט וואס איז די פשט, איך דארף אריינקוקן אין די רמב"ן'ס טייטש. איך בין נישט אזוי מסכים, איך זע נישט וואס דו זאגסט אז יעדער איז מסכים אז דאס איז די טייטש. דאס איז דיין אייגענע טייטש.

דו זאגסט אז דער רמב"ן האלט אויך אז עס איז דא א חיוב צו פאלגן די רבנן, דאס איז וויכטיג אז יעדע מצוה דרבנן זאל האבן א לשון עשה. ער האט א טענה, וואס פונקט ביי נר חנוכה דארף מען זאגן דאס? אבער דער רמב"ן האלט אז די רבנן דארפן האבן די רבנן, און דער רמב"ם איז מסכים מיט דער רמב"ן אז ס'איז דא א דאורייתא צו טון יעדע מצוה דרבנן. סאו, קען זיין אז ס'איז בכלל נישט קיין סתירה.

## Speaker 2:

אקעי.

## Speaker 1:

אקעי, גייען מיר ווייטער.

**דיון: וואס מיינט "אשר קדשנו במצוותיו"?**

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל דו קענסט אפילו זאגן "אשר קדשנו במצוותיו וציוונו" זאגט ממש פונקט פארקערט. "אשר קדשנו במצוותיו" מיינט, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן מקדש געווען מיט זיינע מצוות. ער האט אונז געגעבן פונקטליכע מצוות און מיר זאלן ווערן הייליג. ס'קומט נישט אריין מער. "אשר קדשנו במצוותיו" פארטייטשט זיך דאס. אבער דא ליגט עפעס אז "אשר קדשנו במצוותיו" האט אונז מקדש געווען מיט אלע מצוות, און דאס איז אויך איינע פון די מצוות צו פאלגן די חכמים. וואס איז אויך זייער שווער צו זאגן, אז כאילו דאס איז די אידענטיפיקעישאן פון די חכמים, די חכמים פון די מגילה אדער די חכמים פון חנוכה... אבער ס'זאל זיין א מצוה צו פאלגן די חכמים! דאס זאל זיין א מצות עשה.

## Speaker 2:

דו שטעלסט א שאלה, וועלכע חכמים? די חכמי הדורות, ווער ס'האט די נאמען חכמים. וואס איז די פראבלעם? אבער יעצט, נאכדעם וואס די חכמים האבן געהייסן, איז דאך דא א מצוה צו פאלגן.

## Speaker 1:

סא ווען דיין טאטע זאגט דיר "ברענג מיר א טיי", איז דא א מצוה צו ברענגען א טיי פאר דיין טאטע. די סיבה איז וועגן כיבוד אב. איז דא א מצוה צו ברענגען א טיי פאר דיין טאטע, פארוואס נישט? אפשר דארף מען נוצן די לשון כיבוד אב, אבער... אקעי, דאס איז א דיטעיל אין די... דער אייבערשטער האט קיינמאל נישט געהייסן צו צינדן חנוכה.

## Speaker 2:

איינס, נאכדעם וואס די חכמים האבן געהייסן... אבער פארוואס נישט? נאכדעם וואס די חכמים האבן געהייסן לקריאת המגילה, אויטאמאטיש איז דא אויף דעם א צווי פון אייבערשטן. און מ'דארף נישט פון דעם קיין שטעמפל. ווען דו זאגסט מיר, איז דא א מצוה אז דו זאלסט יעצט טון די ספעציפישע זאך וואס איז יעצט לערנען? עס שטייט נישט אין די תורה אז צוועלעף אזייגער נאכמיטאג אין תשפ"ג מוזט ער לערנען. סאו, לאמיר זאגן דו ביסט גערעכט.

## Speaker 1:

אקעי, דאן זאג איך, אבער מיר קענען אז די גבאי אזהרה ביסטו גערעכט, אבער ווען דער טאטע בעט א טובה, יענער זאל...

**דיון וועגן ברכות המצוות: די רמב"ם'ס שיטה אויף מצוות דרבנן און מצוות משום סכנה**

**די חכמים האבן נישט דעם אייבערשטנ'ס "שטעמפל"**

**Speaker 1:** ניין, די חכמים האבן נישט די אייבערשטנ'ס שטעמפל אז זיי קענען טון וואס זיי ווילן מיט דעם. די חכמים האבן אן ענין צו לשמור ולעשות. מ'דארף נישט פון דעם קיין שטעמפל, זאג איך דיר. ווען דו זאגסט מיר, האסטו, ס'איז דא א מצוה אז דו זאלסט יעצט טון די ספעציפישע זאך וואס דו לערנסט יעצט, שטייט נישט אין די תורה אז צוועלף אזייגער נאכמיטאג אין תשפ"ג מוזטו לערנען. סאו, דו ברויכסט נישט לערנען.

**Speaker 2:** לאז איך דיר ווערן אן עורך. אקעי.

**Speaker 1:** ניין, איך זאג אבער, מ'קען יא, מ'קען זאגן אז לגבי עבודה ביסטו גערעכט, אבער ווען די טאטע בעט א טובה, יענע זאך וואס די טאטע האט געבעטן, יענץ איז יעצט א מצוה וואס דו דארפסט טון.

אקעי, לאמיר גיין ווייטער. איך בין מסכים אז די ווארט וואס דו זאגסט, אז אפשר ביסטו יא מסכים מיט דעם וואס די רמב"ם זאגט, אז די רמב"ם איז נישט קיין דעת יחיד, דאס איז נישט די רמב"ם. אבער, פיין, איך וויל נישט אריינגיין צו די חכמים זענען די רמב"ם. איך גלייב נישט אז אלע יודען זענען מסכים מיט דעם. און דו טאקע געעסט ארויס, זייער גוט, דו עסט מאכן די רמב"ם, דו שטייסט נישט. איך בין נישט מסכים.

**דער רמב"ם'ס גרונט-שיטה: קיין מצוה פרטית אויף חנוכה ליכט**

אבער דו זעעסט אז די רמב"ם האט געשטערט, און ס'איז אים זייער שטארק געשטערט די רמב"ם'ס וועג פון טראכטן זייער קאנקריטלי לגבי מצוות. די רמב"ם גלייבט נישט אז די חכמים האבן די אייבערשטנ'ס שטעמפל. די רמב"ם גלייבט אז ס'איז דא אן עקסטערע מצוה צו לשמור ולעשות, ווייל דאס איז טאקע א מצוה דרבנן, א גרינגע מצוה, אבער ס'איז נישט דא קיין שום מצוה צו צינדן חנוכה, ווייל די אייבערשטער האט קיינמאל נישט געהייסן צינדן חנוכה ליכט. ס'איז זייער וויכטיג די חילוק. ס'איז זייער וויכטיג פאר די רמב"ם די חילוק.

**די זארג וועגן בל תוסיף און דער נוסח "אשר קדשנו במצוותיו"**

**Speaker 2:** ניין, איך קען פארשטיין ווען ס'איז אים נוגע. למשל, ס'קען זיין נוגע אויב קומט א בית דין וואס האט יא די רעכט צו מבטל זיין, למשל,

אוודאי וועט מען נישט קענען מאכן די ברכה, ווייל דעמאלטס איז די מצוות חנוכה עקספייערד. די שקר איז אין די נוסח, מיינסטו?

**Speaker 1:** אה, יא. דאס הייסט, קען זיין אז די רמב"ם באדערט נאך עפעס, ווייל די רמב"ם באדערט זייער שטארק די לא תוסיף. אבער מ'טאר נישט זאגן אויף עפעס וואס איז נישט א מצוה אז ס'איז א מצוה. דאס איז וואס ער זארגט זיך דא זייער מעגליך, ווייל די לשון איז "אשר קדשנו במצוותיו", אבער דו זאגסט אז ס'איז א דאורייתא, אז ס'איז פון די מצוות.

דאס איז וואס עס באדערט אים, אז דו ביסט עובר א חשש לאו, אז דו ביסט אים געווען לייגן אלס פארט פון זיך אליין. די חכמים האבן געזאגט די לאו. אקעי.

**Speaker 2:** ניין, די רמב"ם קוקט עס אזוי אן. ס'איז זייער וויכטיג צו מאכן די חילוק, אמת. אז דו האסט די כח ההיקש. יא.

#### הלכה יא: נטילת ידים אחרונה — קיין ברכה ווייל ס'איז משום סכנה

**Speaker 1:** אקעי, זייער גוט. פרעגט ער יעצט, פארוואס די רמב"ם טראכט יעצט וועגן ברכת המצוות? פרעגט ער, אה, ס'איז נישט דא קיין מצוה אויף נטילת ידים. ולכאורה, האט ער פריער אויסגערעכנט שוין נטילת ידים. יא, ער איז געגאנגען אין א עירוב. ער האט אויסגערעכנט שוין נטילת ידים. ער האט דזשאסט אויסגערעכנט נטילת ידים.

האבן מיר פריער געלערנט אז ס'איז דא צוויי מאל נטילת ידים, בראשונה ובאחרונה. פארוואס באחרונה האט נישט קיין ברכה? לאמיר מאכן א ברכה אויף נטילת ידים אחרונים.

זאגט דער רמב"ם, **"לפי שאינו חייב בדבר זה אלא מפני הסכנה"**. דאס איז א מצוה דרבנן, פונקט אזוי ווי צונעמען אן עירוב. יא, פונקט ווי נטילת ידים בראשונה. ער האט פריער אויסגערעכנט עירוב ונטילת ידים. מ'גייט ארויף אויף די נטילת ידים וואס ער האט דזשאסט אויסגערעכנט.

פארוואס מאכן מיר נישט? **"לפי שאינו חייב בדבר זה אלא מפני הסכנה"**. די נטילת ידים באחרונה האט דער רמב"ם פריער געזאגט אז מ'איז מחויב געווארן וועגן א סכנה פון מלח סדומית. **"ודבר שחייבין בו משום סכנה אין מברכין על עשייתו"**. ס'איז אן ענין, מאכן מיר דארט אויך נישט מאכן קיין ברכה.

#### דוגמא: מסנן את המים

אבער אן ענין, אקעי, **"וכן כל כיוצא בזה"**. למשל, **"המסנן את המים ואחר כך שותה בלילה"**. איינער וואס ביינאכט וועט ער וויל טרינקען, בייטאג וועט מ'טרינקט מוז מען נישט זייען ווייל מ'קען טשעקן די וואסער. אבער אויב איינער וויל טרינקען וואסער ביינאכט, איז א מענטש מחויב, ווייל ס'איז א מצוה פון "ונשמרתם מאד לנפשותיכם", ווייל א מענטש וויל לעבן, צו דורכצייען די וואסער אז ס'איז נישט אריינגעגאנגען דערין עפעס א באשעפעניש, עפעס א פאראסייט.

סאו איינער וואס זייעט דורך די וואסער, "ואחר כך שותה בלילה" און טרינקט משום סכנת עלוקה ווייל ער האט מורא פון א פאראסייט, מאכט מען נישט קיין ברכה "אשר קדשנו במצותיו וצונו לסנן את המים", ווייל ס'איז טאקע דא אזא מצוה, אבער די מצוה פרטית, דער אייבערשטער האט נישט געמאכט אזא מצוה פרטית. ס'איז דא א כלליות'דיגע מצוה פון זיך אפהיטן. **"וכן כל כיוצא בזה"**. די זעלבע זאך איז נטילת ידים. א יסוד, ס'איז טאקע א חיוב ווייל ס'איז "ונשמרתם", אבער "ונשמרתם" איז... דער רמב"ם איז נישט געווארן קלאר מיט שמירת הנפש, א סניף פון לא תרצח, יא.

"ונשמרתם מאד לנפשותיכם", אהא. זאגט דער רמב"ם, מאכט מען נישט קיין ברכה. פארוואס? וואס ער זאגט איז, "דברים שחייבין בו משום סכנה אין מברכין".

#### קשיא: מעקה איז דאך אויך משום סכנה

אבער וואס איז מיט מעקה? מעקה האט ער פריער אויסגערעכנט צווישן די זאכן וואס מ'מאכט יא א ברכה. אבער ער האט יא אויסגערעכנט צווישן די זאכן וואס מ'מאכט א ברכה, אבער דער אייבערשטער האט עס אויסגערעכנט. אבער ס'איז משום סכנה, ס'איז א מצוה משום סכנה, אזוי ווי "פן יפול הנופל ממנו".

**Speaker 2:** ניין, דער חילוק איז מסתמא צו ס'איז א מצוה פרטית וואס מצוה געווען אויף דעם אדער נישט?

**Speaker 1:** יא, אבער זיי זענען מצוה געווען within the context פון מסביר זיין אויסצורעכענען סכנות. מעקה האט די תורה singled out מעקה. נטילת ידים באחרונה, טאקע, האבן יא די חכמים singled out כלאים, אז ס'איז א מצוה, ס'איז א תקנה, איך ווייס נישט. זיי האבן געזאגט א שיעור וויפיל מ'וואשט אפ.

אבער דו קענסט מיר זאגן אויף אזא תורה, אבער ס'איז אויך נישט ריכטיג אז די חכמים האבן נישט געמיינט צו מאכן אזא תקנה. די חכמים האבן נאר געזאגט אז מ'זאל זיך פירן אין סכנות, און אויב ס'איז נישט קיין סכנה דארף מען טאקע נישט מאכן מים אחרונים, אזוי ווי אונז האבן געלערנט לכאורה אין שולחן ערוך.

#### תירוץ: מעקה איז פאר יענעם, נישט פאר זיך

איך טראכט אבער אז ס'איז דא נאך א פשט, און מעקה איז א מצוה צו אפהיטן פאר יענעם די סכנה, נישט פאר זיך אליינס. אהא. ס'איז נישט קיין נפקא מינה פאר דיר אז דו האסט די פרייזן פון דעם מענטש, אבער ס'איז אפהיטן פאר יענעם.

ס'קען זיין אז מעקה איז נישט נאר א מצוה אויב איינער דרייט זיך, נאר אפילו אויב דיין דאך איז פארמאכט. ס'איז אפשר אזא גדר וואס די תורה האט געמאכט. מה שאין כן אין מלח סדומית האבן מיר געזען אז א מקום וואס ס'איז נישטא איז נישט מצוי.

אבער ביי מעקה קען זיין, מ'קען נישט זאגן, "אה, היינטיגע צייטן, למשל, אויב מענטשן זאלן בויען זייער ווייכע floors, אה, ס'איז נישטא קיין מצוות מעקה." ניין, ס'קען זיין אז איינמאל ס'איז דא א מצוה, דארף מען עס טון. ס'איז מער א גדר.

#### חידוש פון חזון איש: מעקה איז א חידוש אין שמירה

די אמת איז, לאמיר זאגן אז די אמת איז, איך האב געלערנט אמאל אויף מעקה אין אן אנדערן קאנטעקסט, אז די אמת איז אז מצוות מעקה — איך ווייס נישט אויב דאס איז די תירוץ וואס דו זוכסט — אז די אמת איז אז מצוות מעקה איז נישט סתם אז דו זאלסט נישט לאזן מענטשן טאנצן פון דיין דאך, ווייל אויף דעם האסטו נישט געדארפט קיין מצוה. ס'דארף זיין א חידוש אין מצוות מעקה.

אזוי ווי די חזון איש מיין איך איז מסביר דארט, אז די עצם, ער זאגט, א מענטש אליין גייט אויפ'ן דאך, ער ווייסט אז ער דארף זיך היטן. אבער איך דארף מאכן א גדר אויף מיין דאך? גיי נישט! אדער אדם מועד לעולם, א מענטש דארף זיך היטן. איז דאך דא א חידוש אז דו דארפסט מאכן א גדר.

קענסט זאגן אז יענער איז א דאך, ער מאכט עבירות, ס'ווערט דיר געבעטן, כלאים, וואס א מענטש איז פטור אויף דעם. א מענטש דארף זיך היטן, א מענטש דארף האבן common sense, א מענטש דארף נישט גיין אויף א דאך. אבער ס'איז דא א חידוש אז דו דארפסט מאכן א דיינדזשער, וואס איז דיינדזשערעס, און דו דארפסט א חידוש.

#### מעקה אלס דין אויף דעם בעל הבית

**Speaker 2:** בעיסיקלי וואס דו זאגסט איז אז מעקה איז א דין וואס די תורה זאגט אז די חיוב שמירה פון א דאך איז אויף די בעל הבית, ווייל אנדערע זאכן, יעדער האט זיך א חיוב פאר זיך. מ'זאגט נישט אויף נטילת ידים אז די בעל הבית בעל הסעודה דארף אכטונג געבן קיינער זאל נישט שווין מים אחרונים. ס'איז א מצוה יעדער איינער זיך צו וואשן די הענט.

**Speaker 1:** אבער דער טעם איז וועגן א סכנה, און אויף סכנה דארף מען א חידוש, ס'איז נישט סתם. אבער איך מיין אז דאס ברענגט אריין די דוגמא פון צנועס המים. יעדער איינער פארשטייט אז דאס שטייט אין די

גמרא, אבער דאס שטייט אליין אז ס'איז נישט קיין מצוה, ס'איז נישט קיין מצוה. יעצט, מאך זיכער אז ס'איז בצנעה, נישט די זעלבע ווי מים.

**ברייטערע דיון: אנדערע מצוות וואס האבן נישט קיין ברכה**

אקעי, דער רמב"ם האט דא אריינגעווארפן נאר איין זאך, איין מצוה מדרבנן וואס מ'מאכט נישט קיין ברכות. אנדערע ראשונים האבן אסאך, ס'איז דא אויף דעם זייער אסאך ישיבה'שע רייד, אבער אונז גייען נישט מאריך זיין אויף דעם. למשל, דער רשב"א, א מינוט, דער הייליגער רשב"א, ברענגט א פאר מצוות וואו ס'איז יא אדער נישט דא א ברכה, אבער ער ענדיגט צו אז מ'קען נישט וויסן די טעם, ווייל מיט אייביג קען מען אויפקומען מיט נאך א מצוה וואס איז ענליך און וואס ס'פיט נישט די טעם. סאו ער ענדיגט צו אז בעצם אונז וויסן נישט פונקטליך אויף וועלכע זאכן די חכמים האבן יא אדער נישט מתקן געווען א מצוה, און מ'דארף נאר נאכגיין נאך די מסורה וואס מ'ווייסט אז דא איז דא א מנהג צו מאכן א ברכה.

אבער אנדערע האבן יא א פאר שיינע סיבות, למשל א מצוה וואס איז תלוי אין אנדערע, און נאך אזעלכע זאכן.

אויב וועסטו מיר לאזן ענדיגן די גאנצע פרשה, וועלן מיר זען צו ס'איז קלאר אזוי. דער רמב"ם האט שוין געזאגט א כלל, און איך ווייס נישט ביי די מצוה וואס איז תלוי אין אנדערע, און נאך אזעלכע זאכן.

**קשיא: מכה און השבת גזילה**

אדער מ'קען פרעגן, איך האב געטראכט נאך א קשיא, די מכה האסטו שוין דערמאנט. די מכה איז לכאורה דאס זעלבע תורה, דאס איז דאך א חידוש פון די תורה, ס'איז נישט סתם א מכה. און אין אנדערע ווערטער, אויף צאלן, לאמיר זאגן, אויף ווערן וואס איז א גזילה, אדער אויף צאלן זיין א חוב, מאכט מען נישט קיין ברכה.

**Speaker 2:** יענץ איז קשור צו אן עבירה. יענץ איז קשור צו אן עבירה.

**Speaker 1:** דאס מאכט סענס! ס'מאכט סענס אז ס'פאסט נישט אז א מענטש זאל דאנקען דעם אייבערשטן אויף השבת הגזילה.

פריעת בעל חוב איז א מצוה. פריעת בעל חוב איז א מצוה. איז דאס א פראבלעם?

**Speaker 2:** ניין, ס'איז נישט אז ס'איז א מצוה לחברו. א מצוה לחברו מאכט מען נישט קיין ברכות.

**מצוה לחברו vs. בין אדם למקום**

**Speaker 1:** אבער מ'קען נישט זאגן אז ס'איז א מצוה לחברו. דער רמב"ם אין מורה נבוכים האט געזאגט אז רוב מצוות שבין אדם למקום זענען אויך אין אמת'ן א מצוה לחברו, ווייל ווען מ'גייט דורך די טעמי המצוות זעט מען אז אסאך זאכן האבן א תועלת פאר אנדערע מענטשן אויך. דאך, ווען מ'זאגט בין אדם למקום, מיינט עס נישט צו זאגן אז ס'האט נישט קיין שום תועלת בין אדם לחברו. ס'מיינט צו זאגן אז וואס איז די עיקר מצוה? מער דירעקט.

יעצט, טוט מען א מעקה. ווען א מענטש מאכט א מעקה, העלפט ער נישט קיין צווייטער מענטש, ער רעדט נישט אויף קיין צווייטער מענטש. ער מאכט א מעקה אויף זיין הויז, גרייט ער דאס צו אז מארגן זאל קומען א צווייטער מענטש נישט אראפפאלן. ס'איז נישט קיין מצוה לחברו.

**דיגרעסיע: פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף תשובה**

איך בין געווען אין אנטווערפן א פאר יאר צוריק ביי ר' לייביש, ביי מיין פעטער, אויף יום כיפור. ביי די סעודה פון ערב יום כיפור האט ער א גאנצע סעודה אויסגעווען פארוואס מ'מאכט נישט קיין ברכת המצוות אויף די מצוה פון תשובה. ער האט געקאכט אין א סוגיא, ער האט געזאגט א שטיקל בריסקער רב. אבער תשובה איז דאך א דוגמא פון... אבער ס'איז דא א כלל וואס דער רמ"ע מפאנו ברענגט פון ר' אברהם אבן עזרא, פלאות, נישט באקאנטע נעמען, אבער וואס ער איז דער גרויסער בעל מורה דאשתמטתא. ער זאגט אז א מצוה וואס ס'איז נישט קלאר ווען ס'גייט עקטשועלי געשען, למשל, מ'קען נישט מאכן א מצוה אויף אהבת רעים, ס'קען אמאל דויערן צען יאר ביז מ'הייבט אן צו ווערן א חבר, יא? למשל. אבער די תשובה איז דאך אויך אזא סארט זאך. ווען איינער זאגט אז תשובה איז נאר א מעשה, מ'זאגט "אשמנו", ס'איז נישט אזוי. תשובה איז דאך א תהליך, ס'איז דאך א זאך וואס א מענטש דארף ארבעטן אויף דעם מענטש.

**מצוות וואס זענען תלוי אין יענעמ'ס צוברעאכנקייט**

עניטינג וואס האט צו טון מיט יענעמ'ס צוברעאכנקייט איז אויך נישט פאסיג. א איד שטייט נעבען הונגעריג און דו גייסט אים געבן צו עסן און דו מאכסט א ברכה "על מצות צדקה". דער רמב"ם האט אפילו געמאכט א גרעסערע כלל דערין, אז ברכות נהנין מאכט מען נישט קיין ברכות.

**באמערקונג וועגן "ולא בירך"**

קען סטאפן א רגע. לא בירך. דער רמב"ם זאגט **"עושה מצוה ולא בירך"**. ער האט דאך געזאגט אז א ברכה מאכט מען פאר מ'טוט א מצוה, און ער האט אויך געזאגט אז ס'גייט אייביג מיט א "ועשיתם את כל מצותי". סאו דאס ווייס איך נישט שוין.

**Speaker 2:** יא, ס'איז אינטערעסאנט. ס'איז זייער אינטערעסאנט וויאזוי ער לערנט הלכות מיט זייער... הלכות ברכות איז ער זייער מסודר. אין הלכות ברכות המצוות הייבט ער אן זייער אינטערעסאנט. ער איז מאריך, אבער ער גייט זיך אויך נישט ממש פון א כלל אל הפרט. ס'איז זייער אינטערעסאנט. ער איז מאריך, אבער נישט מיט כללים. אזוויוי איך זאג, ער איז מאריך מיט די הלכות, ער הייבט אן הלכות אבידה זרה, ער הייבט אן די הלכות... ער זאגט צו אזעלכע הלכה'דיגע גדרים, וואס איז די קשר צו די קשר.

**הלכות ברכת המצוות: ברכה אחר עשייה וטבילת הגר**

**הלכה יא-יב: ברכה אחר עשייה — מצוות שעשייתן קיימת**

**Speaker 1:**

סאו דאס ווייסטו נישט שוין. יא, ס'איז אינטערעסאנט. ס'איז זייער אינטערעסאנט וויאזוי ער לערנט. הלכות ברכות איז ער זייער מסודר, און אין הלכות ברכת המצוות הייבט ער אן זייער אינטערעסאנט. ער איז מאריך, אבער ער גייט דאך אויך נישט ממש מיט א כלל על הפרט. ס'איז זייער אינטערעסאנט. ער איז מאריך, אבער נישט מיט כללים. זייער אסאך מאל איז ער מאריך מיט די הלכות, ער הייבט אן הלכות עבודה זרה, אדער ער הייבט אן... ער זאגט צוויי אזעלכע הלכה'דיגע גדרים, וואס איז די קשר צו די המשך פון די רופף.

זאגט דער רמב"ם אזוי, וואס טוט זיך אויב איינער האט געמאכט די... נישט געפאלגט די תקנת חכמים צו מאכן א ברכת המצוה? ער האט געטון א מצוה ולא בירך, ער האט נישט געמאכט א ברכה פארדעם. **"אם מצוה שעדיין עשייתה קיימת, מברך אחר עשייה"**. ס'איז אייביג דא א חיוב צו מאכן א ברכה פארדעם. אבער איז אזוי, אויב איז עס א מצוה וואס ס'גייט נאך אן, למשל לכאורה א סוכה, יא? אדער דער רמב"ם גייט שוין זאגן די דוגמאות. אבער אויב איז עס עפעס וואס איינמאל מ'האט געענדיגט טון די מצוה און ער האט נישט געמאכט די ברכה, און דער רמב"ם גייט שוין געבן די דוגמאות.

**כיצד?** א מענטש האט זיך אנגעטון ציצית, אדער לולב, אדער תפילין, **או התיישב בסוכה**, ער האט זיך געזעצט אין די סוכה, און ער האט נישט געמאכט די ברכה פאר ער האט זיך אריינגעזעצט, אדער פאר ער האט אנגעטון די תפילין, מאכט ער די ברכה נאכדעם וואס ער האט געטון די מצוה, ווייל ער האט דאך נאך די ציצית. סאו אויף ציצית זאגט ער **"אשר קדשנו במצותיו וצונו להתעטף בציצית"**, ווייל ציצית, דא איז ווי דער רמב"ם זאגט אונז די ברכה. נאכדעם וואס ער האט אנגעטון די תפילין, זאגט ער **"אשר קדשנו במצותיו וצונו להניח תפילין"**. און ווען ער זיצט שוין, מאכט ער **"אשר קדשנו במצותיו וצונו לישב בסוכה"**, **וכן כל כיוצא באלו**, ווייל ער טוט עס נאך. ס'איז דאך לכתחילה איז עס פארן עס טון, אבער יעצט איז ער נאך אויך די טוהער.

**חידוש: עובר לעשייתן אדער המשך העשייה?**

איך מיין דער רמב"ם האט שוין געזאגט איינמאל די הלכה אין הלכות תפילין, האב איך געדענקט, ביי די עובר לעשייתן. קען מען זאגן אז יעצט גייט ער זאגן די ברכה אין די עק מינוט פון טון, אדער קען מען זאגן אביסל... איך מיין אז ס'איז נאך אלץ עובר לעשייתן. ס'איז נישט עובר לפריערדיגע עשייתן. לכתחילה דארף מען טון די הכי הכי עובר לעשייתן, פארן טון די ערשטע רגע. אבער ס'איז בסך הכל א המשכה.

מ'קען עס אויך טייטשן אז די גזירה איז דאך אז די רבנות קען נישט מאכן א גאנצע מצוה ענדיגט א ברכה, ווייל ס'איז שוין דא א פטור, די מצוה איז נישט דא. יעצט די מצוה איז יא דא, ס'איז גרייט יא אליין פאר די ברכה, אבער ס'איז נאכאלץ דא די עבד, ווייל לעטף זאגט מען נישט לעטף, לעטף מיינט טון די מעשה, להניח מיינט נישט להניח עלי תפילין, און די זעלבע זאך, מ'וואלט געדארפט זאגן לישב בסוכה, לישב מיינט ער זיצט זיך אריין, די אנהייב פון די מצוה, יא יא, ס'קען עס נאך ארויפרוקן, **וכן כל כיוצא באלו.**

**מצוות שעברו — אינו חוזר ומברך**

**אבל השוחט בלא ברכה**, ער האט געשחט'ן אן א ברכה, ער האט געענדיגט, מ'גייט נישט נאכאמאל שעכטן, **אינו חוזר אחר השחיטה ומברך אשר קדשנו במצותיו וצונו על השחיטה**, ער האט פארפאסט. **וכן אם כיסה את הדם בלא ברכה**, אדער למשל די נעקסטע זאך קען זיין אזוי, כיסוי הדם, **או הפרשת תרומות ומעשרות, או שטבל ולא בירך**, סאו דא רעכנט אונז די רמב"ם אויס די סארט זאכן וואס דארפן האבן א ברכת המצוות, **אינו חוזר ומברך אחר עשייה**, ווייל ער האט שוין געטון, **וכן כל כיוצא באלו.**

למשל די רמב"ם וואלט נישט געזאגט למשל טובל'דיך נאכאמאל דאס מאל מיט א ברכה, ווייל נישט, ווייל ער האט זיך שוין גע'טובל'ט, די חלות איז שוין געשען.

**דיגרעסיע: ברכה אויף תרומת דמאי**

## Speaker 2:

וכן אינן מצוות שמברכין עליהן אחר עשייתן לעולם, אלע מצוות, רייט, רייט, דאס איז וואס דו ביסט א בריסקער און דו מאכסט עס אפאר מאל תרומה, מאך עס נישט פאר א עיקר דין. אבער אן ספק מספק קען זיין ער מאכט א ברכה, אויף דמאי מאכט ער נישט קיין ברכה, רייט? וואס איז די נאמן דרבנן, ספק דבריהם להקל. אפילו אויב די רבנן דארפן מאכן א תרומה נאכאמאל מאכט ער נישט קיין ברכה אויף דעם, אפילו אה, דאס הייסט ספק דבריהם, די גמרא, יא.

## Speaker 1:

אהא, אבער די רמב"ם איז נישט די הלכה. אינטערעסאנט וואס מ'ברענגט אין די פרי חדש, איך שטעל זיך פאר אז די רמב"ם האט אזא חילוק, איך געדענק אז ס'איז דא א גאנצע, אפשר שפעטער וועלן מיר זען ווען מ'וועט רעדן.

## Speaker 2:

אקעי. על כל פנים, יא.

**הלכה יב: טבילת הגר — ברכה אחר עשייתה לעולם**

## Speaker 1:

אבער דא יא, עס איז דא איין מצוה וואס מ'מאכט די ברכה אחר עשייתה. וואס איז דאס?

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

איינער האט מיר געזאגט אז די ברכה איז אחר עשייתה לעולם. אונז זענען אויך, דער רמב"ם האט נישט משנה געווען די הלכה אז כל הברכות כולן מברך עובר לעשייתן, אזוי ווי די גמרא זאגט עס. ס'וואלט געווען פאסיג פאר'ן רמב"ם. ווייל דער רמב"ם האט געטראכט אז ער שרייבט מער בקיצור. דער רמב"ם האט געשריבן **"כל המצות מברך עליהן קודם לעשייתן".**

## Speaker 2:

אה, אה, אה, אה.

## Speaker 1:

ס'איז געווען א פארפארער, אבער די גמרא לייגט עס א דגש. קודם זאלסטו וויסן אז די גמרא זאגט פון וואו מ'לערנט עס ארויס. און און ער האט פארפאסט, ס'איז אזוי ווי א שוטה. ער זאגט נישט אז מ'דארף איבערטון אדער סיי וואס. ער האט פארפאסט, ס'העלפט נישט איבערטון בעצם, יא. חוץ ביי די סוכה, מ'זיצט נאך, יא.

אקעי. ס'איז דא...

**דיגרעסיע: סידור קידושין — ייחוד עדים**

איך האב געהאט א שנעלע שאלה, ס'קומט נישט ממש אריין. איך האב געהאט א סידור קידושין, ס'איז אביסל בושות אבער ס'איז געשען. איך האב געהאט א סידור קידושין וואס ס'איז נישט געווען דארט איינער וואס האט עס געקענט נעמען אזוי גוט פון די חופה. ס'איז געווען אזוי, ווי געשייניגט, מ'האט געגומען אזא ארענדע פלאץ. און איך האב מייחד געווען עדי כתובה, איך האב געקענט נעמען פון די כתובה פאר די חופה. מיר זענען געגאנגען צו די חופה, און מ'האט אנגעהויבן, און איך האב נישט מייחד געווען עדים פאר פאר די חתן האט געגעבן די קידושין. דאס הייסט, איך האב געמאכט די ברכה, און נאכדעם האט די חתן געזאגט "הרי את מקודשת לי" פארנט פון די מענטשן וואס זענען געשטאנען דארט, און די עדי כתובה, איך האב נישט געזאגט "עדי קידושין".

איך האב מיך געכאפט גלייך נאכדעם, און איך האב מייחד געווען צוויי עדים, און איך האב געבעטן די חתן זאל צוריק מקנה זיין פאר די... די כלה זאל צוריק מקנה זיין פאר די חתן איר רינגל, און מ'האט עס איבערגעטון פארנט פון די צוויי עדים. און די סיבה איז, ווייל ס'איז דא א הלכה, בעצם די גאנצע עולם האט עס געזען, אינקלודינג די צוויי עדים, אבער ס'איז דא אן ענין אז מ'דארף מייחד זיין עדים, ווייל אויב נישט איז דא די חשש אז "עדות שבטלה מקצתה בטלה כולה", א חלק פון זיי זענען קרובים, א הלכה'דיגע סיבה. סאו בעצם איז געווען עדים, אבער ס'איז דא די הלכה'דיגע סיבה פארוואס מ'דארף יא מייחד זיין עדים. למעשה איז עס נישט געווען קיין הפסק, ווייל מ'איז געווען מער עוסק אין ענין סידור קידושין. מ'האט עס נישט געטון אזוי געהעריג, און מ'האט עס יעצט געפיקסט, מ'איז נישט געווען מעכב. אבער למשל, אויב וואלט איך מיר יעצט געכאפט נאכדעם וואס מ'האט שוין געמאכט אלע שבע ברכות, יא? לכאורה וואלט מען יעצט געדארפט מאכן א ברכת הקידושין עובר לעשייתן.

## Speaker 2:

אקעי, מ'דארף וויסן אז די קידושין איז א כשר'ע קידושין, ספעציעל אין די אופן וואס איך זאג. קודם כל איז דא א חומרא, און מ'האט געווען מקפיד אויף די חומרא. צווייטנס, ס'איז דא א מחלוקת הרמב"ם מיט רא"ש צו ברכת אירוסין איז א ברכת המצוות אדער א ברכת השבח. אויב ס'איז א ברכת המצוות, און דער רא"ש לערנט אז ס'איז א ברכת השבח, קען מען עס מאכן נאכדעם.

**דיגרעסיע: ברכת המצוות vs. ברכת השבח — קידוש וקריאת שמע**

## Speaker 1:

ניין, דער רמב"ם זאגט אונז נישט וועלכע ברכת המצוות זענען א ברכת השבח. למשל קידוש, דו האסט דאך אויך טעפס א... קידוש איז מצוות קידוש על היין, אבער ס'איז דאך אויך א ברכת השבח. אבער ס'איז נישט א ברכה על מצוות קידוש? איז א ברכה על מצוות קידוש, ניין?

## Speaker 2:

ניין, ניין, ניין. מצוות קידוש איז לקדש היום על היין, צו מאכן שבח והודאה על היין. אויף וואס זאל זיין א ברכה "אשר קדשנו במצותיו וציוונו על

מצוות קידוש"?

**Speaker 1:**

אה, ס'איז ממש די זעלבע שאלה וואס איך האב דיך געפרעגט פארוואס מ'זאגט אן עקסטערע נוסח אויף "אשר קדשנו במצוותיו וציוונו לקרוא קריאת שמע". אנשטאט דעם זאגט מען "אהבת עולם".

**Speaker 2:**

ניין, איך מיין די אמת'דיגע ענטפער, אנטשולדיג וואס דו ביסט מורי ורבי, איך זאג נאר אן אנדערע ענטפער וואס מ'קען זאגן איז, אז ס'איז דא ווען חז"ל האבן מייחד געווען אסאך א שיינערע ברכה. אנשטאט ס'זאל זיין א טרוקענע ברכה, די מינימום איז, ווען דו האסט נישט קיין סאך וואס צו זאגן, זאג אזוי ווי ווען א מענטש... ס'איז דא די קליינע ברכות. אנשטאט, ס'איז דא ווי מ'זאגט יא "מודים אנחנו לך" ווען ס'קומט רעגן, איז דא א גאנצע שיינע נוסח. אבער על פי רוב, שכוח באשעפער פאר די עסן. "בורא פרי האדמה" איז נישט שכוח, ווייל דו זאגסט "ברוך אתה" פאר די עסן. דאס איז א מינימום.

אויף קריאת שמע האבן חז"ל יא יאחד געווען אסאך השענערע ברכת המצוות, וואס רעדט וועגן אהבה רבה פון די קבלת התורה, פון דעם רעדט מען דאך פון שמע. מ'איז מקבל זיין, "הבוחר בעמו ישראל באהבה" צו זאגן שמע. סאו פארדעם איז נישט דא קיין מקום צו זאגן "אשר קדשנו במצותיו וצונו לקרוא שמע", ווייל דו האסט אסאך א שענערע, אהבה רבה איז אלעס תלוי אין דעם, איז שוין אלעס כלול אין דעם. ווען דו זאגסט פלעין, אה, איך נעם אן אן עול מלכות שמים, איז נישט דא אויף דעם, מ'איז נישט מתקן געווען אויף דעם א תפילה אדער א שבח.

און די מצוה פון קידוש, הערסטו וואס איך זאג? האבן חז"ל געמאכט נישט סתם ברכה אויף קידוש, נאר זיי האבן געמאכט אז די קידוש איז א שבח והודאה אויף שבת און אויף די יין.

**Speaker 1:**

מ'לערנט אין רמב"ן אז קידוש איז אליין א מצוה, דאס הייסט... יא, קידוש היום על היין איז אליין א מצוה. וואס מאכן א מצוה אויף די קידוש? דאס איז רעכטס, דאס איז א קשיא. איך מיין א בויגן קדוש...

**Speaker 2:**

אקעי, לאמיר נאר גיין וייטער. איך האב נישט קיין שום מצוה בדבור וואס איך געדענק אז מ'מאכט אויף אים א ברכה.

**Speaker 1:**

ניין, איך מיין אז קידוש היום מיינט אויך בכלל אז ס'איז א תפילה, ווייל מ'דאווענט דאך עס אויך ביי די... פאר מ'טוט עס ספעשל על היין, טוט מען דאך עס ביי תפילה. דאס הייסט אז ס'איז א תפילה, און ס'איז נאך א תפילה אויף יין.

**Speaker 2:**

אקעי, לאמיר גיין וייטער. דו האסט געזאגט אז מ'איז נישט יוצא מיט א כלל יוצא זיין.

**טבילת הגר — פארוואס אחר עשייתה?**

**Speaker 1:**

איינציגע מצוה וואס מ'מאכט א ברכה עליה אחר עשייתה לעולם, איז טבילת הגר. רייט, רייט. וואס מ'מאכט אייביג דווקא אחר עשייתה, איז טבילת הגר. פארוואס? ווייל א גר, פאר ער גייט זיך טובל'ען, ער גייט זיך טובל'ען אויף זיין גירות, האט ער די ברכה... ער קען נישט זאגן "אשר קדשנו במצותיו וצונו על הטבילה"? יא, אדער וואס? פארוואס קען ער עס נאכנישט זאגן? **"שעדיין אינו קדוש ואינו מצווה עד שיטבול"**. ס'איז א תלוי ועומד. ער גייט ווערן א איד ווען ער גייט מקיים זיין די מצוה.

**Speaker 2:**

וועלכע מצוה איז בכלל צו ווערן א איד? איך ווייס נישט. וועלכע מצוה איז עס? ס'איז צדיק. ער וואלט געדארפט זאגן "אשר קדשנו במצותיו וצונו על כל המצוות" יעצט ווען ער טובל'ט זיך, ווייל ס'איז א תנאי פאר אלע מצוות. אבער אפשר... די מצוה... ס'איז נישט דא קיין מצוה פאר א גוי צו ווערן א איד, ס'איז נישט פון די שבע מצות בני נח. אבער ס'איז די יסוד פאר אלע מצוות.

**Speaker 1:**

אזוי זאגט דער רמב"ם, דער רמב"ם לערנט יא... אז "והייתם קדושים לאלוקיכם" אדער "והייתם לי קדושים" איז א מצוה. גוט, פאר א גוי איז נישט קיין מצוה, ממילא קען ער נישט מאכן די ברכה על טהרת גופו. אבער פאר א איד איז א מצוה צו זיין א איד. און דאס ווערט א מצוה מיט א טבילה, און נאכדעם מאכט מען א ברכה פאר'ן זיין א איד. און ווען טובל'ט זיך א איד פאר'ן פלען זיין א איד? ער איז שוין געווען א איד, ער איז שוין אן אלמנה. ס'איז פאני, אבער אזוי איז די הלכה.

**ברכת המצוות: דיני ברכה פאר א גר, טבילה, און די יסוד פון ברכות**

**פארוואס א גוי קען נישט מאכן א ברכה פאר טבילה**

**Speaker 1:** ס'איז דאך נישט קיין מצוה פאר א גוי צו ווערן א איד, ס'איז נישט פון די שבע מצות בני נח.

אבער ס'איז די יסוד פאר אלע מצוות. אזוויו ואהבת. דער רמב"ם לערנט יא אז ואהבת את ה' אלקיך איז א מצוה.

אבער פאר א גוי איז נישט קיין מצוה, ממילא קען ער נישט מאכן די ברכה אלס גוי. אבער פאר א איד איז א מצוה צו זיין א איד. און וויאזוי ווערט מען א איד? דורך א מצוה, מ'דארף זיך טובל'ן. און נאכדעם וואס ער איז א איד, מאכט ער א ברכה פאר'ן זיין א איד.

און ווען טובל'ט זיך א איד פאר'ן פלוצלינג זיין א איד? ער איז שוין געווען א איד, ער איז אלעמאל געווען. ס'איז פאני, אבער אזוי שטייט דא.

**לפיכך**, יא, לפיכך... ניין, איך זאג, לויט די... לויט די... אה, לויט די רמב"ן, אז ס'איז דא א מצוה וואס איז א יסוד פאר אלע מצוות, מילה איז נישט קיין מצוה, אזוויו יראת ה' אלקיך אדער אהבת ה'. איך מיין אז אהבת ה' רעכנט ער יא אויס. דער רמב"ם רעכנט נישט אויס אמונה אלס א מצות עשה. קען מען זאגן אז... יא, אקעי, נישט קיין חלק.

מ'זאגט נישט די מצוה איז צו ווערן א איד. די מצוה איז טבילה. ס'איז א מצוה אזוויו ס'איז א מצוה קיומית. אויב מ'וויל ווערן א איד, דארף מען זיך טובל'ן. אבער די מצוה איז נאר אויף א איד, נישט אויף א גוי.

**לפיכך**, ווען מאכט מען די ברכה? אן אשר יצר, מ'ווארפט זיך אריין אין וואסער.

**מאי שאינו עושה ברכה? מה שהיה דחוי מעיקרא.** ס'איז דער רמב"ם נאכאמאל, ער געבט נאכאמאל די ווערטער. **מה שהיה דחוי מעיקרא**, פארדעם איז ער געווען דחוי פון מצוות, נישט געקענט טון קיין מצוות, **לא יברך**.

**דיון: די נוסח פון ברכת המצוות**

**Speaker 2:** ער זאגט אז... ניין, אפשר מיינט ער צו זאגן מער אז... לאמיר זאגן מ'טוישט די נוסח פון אשר קדשנו במצוותיו וציוונו. ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם על הטבילה, אן אשר קדשנו במצוותיו וציוונו. אויף דעם איז איין פראבלעם. די אנדערע נוסח שטימט דאך נאך.

**Speaker 1:** אפשר גוים מאכן ברכות, האבן מיר געלערנט אז מ'ענטפערט נישט קיין אמן. ס'קען זיין אז דער גוי האט אנדערע מצוות.

